# דרײַ לידער פֿון נײַ אויפֿגעדעקטן מלאָטעק-געזאַנג-בוך
# פֿאַרגעשטעלט פֿון שלום בערגער
# אויף דער יוגנטרוף-ייִדיש-וואָך 2003

## שמעלז

שמעלד
מײַן שטעטעלע שמעלד
מײַן היימעלע ווײַל מע האָט מיר די מיסט ניט אַוועקגעבראַכט
זײַט איר אַ מאָל געווען אין שמעלד
מײַן שטעטעלע שמעלד
מײַן היימעלע דאָרט קען מען שנאַפּן פּיקאַנטע ריחות אַ סך.

## די זעלבע באַלאַלײַקע-ליד

שטייט אַ בחור און ער טראַכט
טראַכט און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט
וואָס זאָל איך זינגען דאָס נאַריש לידל?
מיר איז שוין נמאס דאָס נאַריש לידל

שטום באַלאַ, שטום באַלאַ, שטום באַלאַלײַקע,
שטום באַלאַ, שטום באַלאַ, שטום באַלאַלײַקע.
שטום באַלאַלײַקע, צו פֿיל באַלאַלײַקע,
שטום באַלאַלײַקע, רויִק זאָל זײַן.

## אויפֿן וועג שטייט מרס. מאַנגער

אויפֿן וועג שטייט עס ווער
ס׳אַ באַקאַנטע דאַמע
אַ קענטלעך פּנים, דאַכט זיך מיר
זע! ס׳איז גאָר די מאַמע.

איציק קרוין, דו שיכּורסט פֿיל.
פֿון דיר וואָס וועט ווערן?
כּסדר זינגסט פֿון ביימער נאָר,
פֿייגעלעך און שטערן!

בעסער ווער אַ דאָקטערל,
צי, כ׳ווייס, אַ לויער,
דערמיט שאַף דער מאַמע פֿרייד,
ניט חרפּה און טרויער.